**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 4/20/2022 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול דעקט אויף נייע רונדע ״קענעביס געשפרעכן״ פובליק געזונטהייט בילדונג קאמפיין**

***נייע כוואליע פון ניו יארק׳ס ערשטע קענעביס פובליק געזונטהייט קאמפיין ברענגט פובליק סערוויס רעקלאמירונגען אויף טעלעוויזיע, ראדיא, טראנזיט, בילבאָרדס און סאָושעל מידיע מיט א טיפערע פאקוס אויף יוגנט באניץ, פארמיידן פערמינדערטע דרייוו׳ען, זיכערע סטאָרעדזש און ניצן אין פובליק***

***״קענעביס געשפרעכן,״ נייסטע מודעות איינגעפירט בעפאר אפריל 20, אינפארמירן ניו יארקער אויף בלייבן אפגעהיטן אויף ׳טאג פון אינטערנאציאנאלע קענעביס פייערונג***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אויפגעדעקט א נייע רונדע פובליק סערוויס רעקלאמירונגען אין דעם ״קענעביס געשפרעכן״ קאמפיין, ניו יארק סטעיט׳ס ערשטע פובליק בילדונג איניציאטיוו פאקוסירט אויף אינפארמירן ניו יארקער אויפ׳ן סטעיט׳ס קענעביס געזעץ. די דאזיגע כוואליע פון דעם קאמפיין גייען אריין טיפער איבער די געפארן פון פערמינדערטע דרייוו׳ען, די ריזיקעס פון יוגנט קענעביס באניץ, וויאזוי צו זיכערהייט האלטן קענעביס אין אייער היים, און וויאזוי צו ניצן קענעביס אין די עפנטליכקייט אן צו שטערן אנדערע.

״די היינטיגע נייע רונדע פובליק סערוויס רעקלאמירונגען זענען א טייל פון דער סטעיט׳ס ״קענעביס געשפרעכן״ קאמפיין איז נאך א וויכטיגע טריט אין אונזער וועג צו א זיכערע, אריינגעמיגע, יושר׳דיגע קענעביס אינדוסטריע,״ **האט גאווערנער האקול געזאגט.** ״א טייל פון אונזער בויען די שטערקסטע קענעביס אינדוסטריע אין דעם לאנד איז דאס זיכער מאכן אז ניו יארקער האבן רעלעוואנטע פאקטן ביי דער היינט, און מיר דערמאנען אלע ניו יארקער אז ווען זיי נעמען אנטייל אין 4/20 פייערונגען היינט אז עס איז קיינמאל נישט זיכער צו דרייוו׳ען ׳הויך׳, איר זאלט נישט ניצן קענעביס אויף א שטייגער וואס שטערט אנדערע, און קענען קען שעדיגן אנטוויקלענדע מוחות אין יוגנט.״

אפריל 20, אדער 4/20, איז ברייט אנערקענט איבער דער וועלט אלס אן אומפארמאלע קענעביס האָלידעי אין וועלכע קענעביס איז אפט אפענערהייט געניצט, היסטאריש אויף צו פראטעסטירן קרימינאלעזאציע און מער און מער אין אנערקענונג פון די ערפאלגרייכע, לאנג-געקעמפטע באמיאונג צו ענדיגן קענעביס פארבאט און איר אומפראפארציאנעלע אינפארסירונג. פארברייטערן אויף די געזונטהייט און זיכערהייט מודעות דערמאנט איצט ניו יארקער צו בלייבן זיכער אום 4/20 אין א צייט ווען באוואוסטזיניגקייט ארום קענעביס איז געהעכערט, העלפן פארזיכערן אז ניו יארקער גיבן אפ אכט. דער ״קענעביס געשפרעכן״ קאמפיין לויפט אויף טעלעוויזיע, ראדיא, בילבאָרדס, טראנזיט און סאָושעל מידיע.

די ערשטע פובליק סערוויס רעקלאמע אין דעם ״קענעביס געשפרעכן״ פובליק געזונטהייט קאמפיין איז אויסגעמאלדן געווארן ביי א פראגראם ביי סיטי קאלעדזש אין ניו יארק סיטי אום מאנטאג, אפריל 4׳טן און

באקאנט געמאכט ניו יארקער מיט די באגריפן איבער ווער קען ניצן, וואו צו ניצן און וויאזוי צו ניצן זיכערערהייט. די נייע כוואליע הייַנט אויסגעמאלדן פארשטערקערט אונזערע באמיאונגען אויף די באגריפן צוצושטעלן מער אינפארמאציע און ווייטער אנהאלטן די געשפרעכן. אלע פובליק סערוויס רעקלאמירונגען דירעקטירט זעער און צוהערער צו ny.gov.cannabis וואו זיי וועלן געפונען אויסגעפארשטע פאקט-באזירטע אינפארמאציע צו אינפארמירן די געשפרעכן וואס זיי האבן מיט פאמיליע, פריינט און יוגנט אין זייערע לעבנס.

בילדער פון רעקלאמירונגען דא און ווידעאו פון די רעקלאמירונגען אין ענגליש און שפאניש קען מען געפונען דא.

ניו יארק׳ס קענעביס געזעץ פאקסירט אויף פובליק געזונטהייט און איז געבויט אויף די פרינציפן פון פובליק זיכערהייט, סאציעלע יוסטיץ, און יושר׳דיגע עקאנאמישע אנטוויקלונג געאייגנט אויף צו העלפן צוריקדרייען די שאדן אנגעברענגט דורך קענעביס פארבאט. אלס טייל פון דעם פובליק פאליסי ענדערונג, פאדערט דער געזעץ פובליק געזונטהייט קאמפיינס וועלכע אינפארמירן ניו יארקער איבער דער נייער געזעץ און די ווירקונג פון קענעביס באניץ אויף פובליק געזונטהייט און זיכערהייט.

**קענעביס קאנטראל באורד פארזיצער טרעמעין רייט האט געזאגט,** ״בעפאר מיר האבן איינגעפירט אונזער ערשטע רעקלאמעס דעם מאנאט, האבן רוב ניו יארקער נישט באקומען קיין קענעביס בילדונג אויסער דעם ׳דזשאָסט סעי נאָו׳ נאראטיוון פון די 1980׳ער יארן. מיר ענדערן שוין די הערצער און געדאנקען ארום דעם געוויקס, און מיט די נייע שטיקלעך גייען מיר נאך טיפער אריין אין וויאזוי צו זיכערערהייט ניצן קענעביס אין דעם עמפייער סטעיט.״

**אפיס פון קענעביס פארוואלטונג עקזעקיוטיוו דירעקטאר קריס אלעקסאנדער האט געזאגט,** ״אלס א טאטע פון א יונג קינד ווייס איך ווי וויכטיג עס איז צו זיכערערהייט אוועקלייגן קענעביס פראדוקטן און עס האלטן ווייט פון קינדער. און ווי אלע ניו יארקער, וויל איך אונזערע גאסן זאלן זיין אפגעהיטן. א דאנק די נייע ״קענעביס געשפרעכן״ רעקלאמעס וועלכע מיר וועלן ווייזן איבער׳ן סטעיט, וועל איך קענען שלאפן רואיגער וויסנדיג אז ניו יארקער זענען געבילדעט איבער די ווארהייטן און פאטענציעלע ריזיקעס ארום קענעביס באניץ.״

**עקזעקיוטיוו דירעקטאר פון דער ניו יארק סטעיט אסאסיעשען פון קאונטי געזונטהייט באאמטע סערע רעיווענהאל, MHA, CHES, האט געזאגט,** ״דער ׳קענעביס געשפרעכן׳ קאמפיין הייבט באוואוסטזיניגקייט צווישן ניו יארקער איבער די געזונט און זיכערהייט ריזיקעס פון קענעביס באניץ און עס איז דערפרייענד צו זען די גאווערנער און דער אפיס פון קענעביס פארוואלטונג אריינצוגיין טיפער אין יוגנט באניץ און אנדערע ענינים. עלטערן און אויפפאסער דארפן מיטלען דורכצורעדן די ריזיקעס פון קענעביס מיט די יוגנט אין זייערע לעבנס און ׳קענעביס געשפרעכן׳ ליפערט רעזולטאטן. איך מוטיג ניו יארקער זיך צו באטייליגן אין די געשפרעכן און באזוכן ny.gov.cannabis צו באקומען די פאקטן.״

**AAA נארט-איסט דירעקטאר פון פובליק און רעגירונג אנגעלעגנהייטן דזשאן קארלעט האט געזאגט,** ״ניו יארק׳ס ערשטע פובליק געזונטהייט קאמפיין, ׳קענעביס געשפרעכן׳, העלפט זיכער מאכן אז ניו יארקער קענען די ריזיקעס פון דרייוו׳ען פערמינדערט דורך קענעביס. זיך נעמען שטערקער צו די ארבעט אויף דער מודעה בעפאר אפריל 20 ווען אזוי פיל באטייליגן זיך אין פייערונגען און ניצן איז דער ריכטיגער זאך צו טון, און מיר האפן אז ניו יארקער בלייבן אויפמערקזאם צוליב דעם וואס איר שפירט זיך אנדערש, אייער דרייוו׳ען איז אנדערש און איר ריזיקירט שעדיגן אנדערע אדער זיך אליין ווי אויך פארלעצן דעם געזעץ.״

**דעפארטמענט אָוו מאטאר וויהיקלס׳ קאמישענער און פארזיצער פון די גאווערנער׳ס טראפיק סעיפטי קאמיטע פון ניו יארק מארק דזשעי. עף. שראודער האט געזאגט,** ״דרייוו׳ען פערמינדערט דורך קענעביס איז נישט נאר אומפאראנטווארטליך, עס איז קעגן דער געזעץ און איז גענצליך פארמיידליך. אונזער אנזאג צו קענעביס באניצער איז איינפאך: מאכט דעם קלוגן ברירה צו געפונען א רייד. דרייוו׳ט נישט הויך.״

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך אויסשרייבן